ב"ה

# קובץ לימוד

מבצע
בין הזמנים

יום הכיפורים
ושבת תשובה

תלמידים השלוחים ה'תשפ"א

ב"ה

# מפתח כללי:

- **לקו"ש ח"ב שבת שובה**

- **ברכת כ"ק אדמו"ר ערב יוה"כ ה'תשמ"ג (לקו"ש חכ"ט בהוספות)**

- **ברכת כ"ק אדמו"ר להתלמידים ערב יוה"כ ה'תשנ"ב**

הננו מלאים תקוה וביטחון, אשר במהרה ממש נזכה להתראות עם אבינו רוענו כ"ק רבינו נשיאנו, ויגאל אותנו מהגלות המר ויקהילנו ויוליכנו קוממיות לארצנו תיכף ומיד ממש, ועוד בחודש החגים הזה נזכה לראות מלך ביופיו, בעבודת הקודש של רבינו נשיאנו, מתוך שמחה הכי גדולה, בגאולה האמתית והשלימה.

**תלמידים השלוחים ה'תשפ"א**

ה. אידן האָפן, אַז ראש השנה האָט זיי דער אויבערשטער געוויס געגעבן אַ גוטן יאָר און אַ זיסן יאָר, זיי מיט זייערע בני בית, אין אַלע פרטים, בני חיי ומזוני רויחי, בטוב הנראה והנגלה.

אָבער צו גוט איז דאָך קיין שי־עור ניטאָ. אויף דעם האָט דער אוי־בערשטער געגעבן די טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור — עשרת ימי תשובה — וואָס דורך דער עבודה אין די טעג, קען מען פועל'ן, אַז יום כיפור זאָל דער אוי־בערשטער געבן מערער און נאָך מע־רער, מידו המלאה והרחבה, אַזוי ווי דער אויבערשטער קען.

וואָס איז די עבודה וועלכע עס פאָדערט זיך אין די טעג? — זאָגן מיר אין מחזור, אַז דאָס איז — תשובה, תפלה וצדקה, וואָס דורך די דריי זאַכן פועל'ט מען ביי דעם אויבערשטן ער זאָל געבן מידו המל־אה והרחבה.

ו. די דריי זאַכן זיינען, ווען גע־קוקט אויבערפלעכלעך, פאַראַן אויך ביי ניט אידן, להבדיל. אויך ביי ניט אידן איז פאַראַן „רעפּענטענס, פּרייער און טשאַריטי". אָבער באמת איז אַ גרויסער און אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד, אין די דריי זאַכן, ווי זיי זיינען ביי אידן ביז להבדיל ביי ניט אידן. און דער אונטערשייד דריקט זיך אויס אויך אין די ווער־טער אַליין פון תשובה, תפלה און צדקה.

ז. תשובה:

די גענויע איבערזעצונג פון „רע־פּענטענס" — אויף לשון הקודש איז — חרטה. אָבער ביי אידן הייסט עס ניט מיטן נאָמען חרטה, נאָר מיטן נאָמען תשובה.

דער אונטערשייד פון חרטה ביז תשובה איז אַ הפכית'דיקער:

חרטה אונטערשטרייכט — אַ נייע זאַך. אים פאַרדריסט אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן ניט קיין גוטע זאַך אָדער ניט דערטאָן אַ גוטע זאַך, און ער וויל פירן זיך אויף אַ נייעם וועג.

תשובה אונטערשטרייכט — אומ־קערן זיך. אַ איד איז בעצם גוט און ער וויל טאָן גוטס, עס איז מער ניט וואָס איבער פאַרשידענע סיבות, אין וועלכע ער איז אינגאַנצן ניט שולדיק אָדער אַ ביסל שולדיק, האָט ער געטאָן ניט קיין גוטע זאַך. אָבער בעצם איז ער דאָך גוט.

און דאָס איז דער זין פון תשובה, אַז ער קערט זיך אום צו זיין שרש ומקור, צו זיין אינעווייניקסטן איך, און ער אַנטפּלעקט זיין אינעווייניקסטן איך, אַז דאָס זאָל ביי אים זיין דער בעל־הבית אין זיין לעבן.

דערפאַר איז פאַראַן תשובה ביי אַלעמען[5], אויך ביי אַ צדיק איז שייך תשובה. דאָס מיינט, אַז כסדר שטרעבט ער אויף צוקומען צו זיין אינעווי־ניקסטן איך און אַנטפּלעקן אים. און אויך ביי אַ רשע איז שייך תשובה, וואָרום ווי געפאַלן ער זאָל ניט זיין, האָט ער אַלעמאָל די מעגלעכקייט תשובה טאָן, וויבאַלד ער דאַרף ניט אויפטאָן קיין נייע זאַך, ער דאַרף זיך נאָר אומקערן צו זיין אינעווי־ניקסטן איך.

---

5) זע קונטרס ביקור שיקאַגאָ עמוד 23 (סה"ש תש"ב ע' 47).

ח. תפלה:

די גענויע איבערזעצונג פון „פרייער” — אויף לשון הקודש איז — בקשה. אָבער ביי אידן הייסט עס ניט מיטן נאָמען בקשה נאָר מיטן נאָמען תפלה.

דער אונטערשייד פון בקשה ביז תפלה איז אויך אַ הפכית׳דיקער:

בקשה מיינט בעטן און תפלה מיינט באַהעפטן זיך.

בקשה אונטערשטרייכט — בעטן. מען בעט ביי דעם אויבערשטן ער זאָל געבן — מלמעלה למטה — דאָס וואָס עס פעלט. בשעת עס פעלט ניט אָדער עס איז ניטאָ קיין רצון אויף אַ זאַך, איז ניט שייך קיין בקשה. תפלה אונטערשטרייכט — באַהעפטן זיך[6] מיטן אויבערשטן, מלמטה למעלה. דאָס איז שייך ביי אַלעמען און אַלעמאָל.

יעדער איד האָט אַ נשמה וואָס זי איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן. אָבער מצד דעם וואָס די נשמה איז אַראָפּ אין גוף און פאַרבונדן מיט אים, מוז די נשמה פאַרבינדן זיך מיט גופניות׳דיקע ענינים, אַזוי ווי עסן, טרינקען א. ד. גל. וואָס אין דער צייט ווערט אָפּגעשוואַכט איר פאַרבונד מיטן אויבערשטן. און אויף דעם זיינען פאַראַן געוויסע צייטן אין טאָג אויף תפלה, בכדי צו באַנייען דעם פאַרבונד מיטן אויבערשטן, און פאַרשטאַרקן אים.

דערפאַר איז אויך ביי די וועלכע עס פעלט זיי גאָרנישט, פאַראַן — און מיט דער גאַנצער שטאַרקייט — די זאַך פון תפלה, ווייל תפלה איז ניט נאָר געבעט און בקשה נאָר דער עיקר — דער אָפּפריש פון דעם פאַרבונד און דבקות פון אים מיטן אויבערשטן.

ט. צדקה:

די גענויע איבערזעצונג פון „טשאַריטי” — אויף לשון קודש איז — חסד. אָבער ביי אידן הייסט עס ניט מיטן נאָמען חסד נאָר מיטן נאָמען צדקה.

דער אונטערשייד פון חסד ביז צדקה איז אויך אַ הפכית׳דיקער:

חסד אונטערשטרייכט אַז ער איז אַ גוטער מענטש. ד. ה. — יענעם קומט ניט און ער איז ניט מחויב אים צו געבן, נאָר מצד גוטסקייט גיט ער.

דאַקעגן צדקה אונטערשטרייכט גערעכטיקייט. און דאָס איז אין צוויי אופנים:

א) ער איז מחויב צו געבן יענעם. ער ווייס אַז ער גיט ניט זיינע; דער אויבערשטער האָט אים דאָס געגעבן בפקדון בכדי ער זאָל עס געבן יענעם.

ב) אַזוי ווי ער מוז דאָך אָנקומען אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן, וואָס דער אויבערשטער איז אים געוויס ניט שולדיק, דאַרף ער און איז מחויב טאָן מדה כנגד מדה, געבן יענעם, כאָטש ער איז אים ניט שולדיק. דערמיט איז ער מעורר אויך למעלה, אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן מערער וויפל ער איז ווערט, וואָרום ער האָט געגעבן איבער זיינע כחות.

ובפרט צדקה וואָס איז שייך צו רבים, וביחוד צדקה אויף מוסדות תורה, וואָס יעדער איינער פון די וואָס דערציען זיך אין די מוסדות

---

6) זע רש״י בראשית ל, ח. אור התורה להצמח צדק ויחי שפ, א.

איז אַ צוקונפטיקער יסוד אויף אַ בנין בית בישראל, אַ צוקונפטיקער וועג־ווייזער אין זיין סביבה, איז אַז מען גיט צדקה אויף אַזעלכע מוסדות תורה, קען מען קומען צום אויבערשטן און זאָגן, איך האָב געגעבן מערער פון מיינע כחות אויף דיינע עסקים, כביכול, גיב דו מער ווי עס קומט, אויף מיינע זאַכן.

י. דאָס זיינען די דריי זאַכן פון תשובה, תפלה און צדקה, דורך וועלכע מען פועל'ט עס זאָל זיין אַ חתימה און גמר חתימה טובה. בשעת מען קערט זיך אום צום אינעווייניקסטן איך — תשובה, — מען באַהעפט זיך מיטן אויבערשטן — תפלה, — און מען גיט צדקה מיט גערעכטיקייט, דאַן איז וויפל גוטס דער אויבערשטער האָט געגעבן ראש השנה, גיט ער יום כיפור נאָך מערער, אַ שנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ו' תשרי, תשי"ג)

יא. אין דעם חשבון פון „עשרת ימי תשובה" גייען אַריין אויך ביידע טעג ראש השנה מיט יום כיפור. ווארום די טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור זיינען דאָך מער ניט ווי זיבן טעג, איז דאָך דער־פון מובן, אַז עשרת ימי תשובה, איז כולל אויך ראש השנה ויום הכי־פורים.

דערפון וואָס אַלע צען טעג ווערן אָנגערופן מיט איין נאָמען — עשרת ימי תשובה — איז אַ ראי' אַז די אַלע טעג זיינען איין מציאות, וואָס דער אָנהויב פון דעם איז ראש הש־נה און דער סוף איז יום כיפור.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז פון דער ערשטער מינוט פון ראש השנה הויבט זיך שוין אָן די הכנה צו יום כיפור.

מצות היום פון ראש השנה איז שופר 7). די נקודה פון יום כיפור איז עבודת כהן גדול. ווארום אַ גאַנץ יאָר האָבן געטאָן די עבודה אויך אַנדערע כהנים, און יום כיפור האָט דער כהן גדול אַליין געדאַרפט טאָן אַלע עבודות.

אין עבודת כהן גדול ביום כיפור זיינען געווען צוויי טיילן. איין טייל וואָס ער פלעגט טאָן בבגדי זהב — אין די בגדים זיינען געווען נאָך מינים אויסער זהב, אָבער עס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען בגדי זהב — און אַ צווייטן טייל, בבגדי לבן, ריי־נע לייוונט.

אין בית המקדש זיינען געווען דריי אָפּטיילונגען: די עזרה, דער היכל אָדער דער אהל מועד, און קדשי קדשים. די עבודות אין עזרה און היכל פלעגט דער כהן גדול טאָן בבגדי זהב און די עבודות אין קדשי קדשים פלעגט ער טאָן בבגדי לבן.

יב. דער חורבן בית המקדש איז געווען נאָר אין גשמיות'דיקן בית המקדש, אין די שטיינער, גאָלד און זילבער, אָבער דער רוחניות'דיקער בית המקדש וואָס געפינט זיך ביי יעדער אידן אינעווייניק, דער בית ה־מקדש וואָס געפינט זיך אין דער נשמה פון יעדער אידן, דאָס איז פאַראַן און בלייבט אַלעמאָל גאַנץ. אַפילו אַ איד קען דאָס חס ושלום ניט חרוב מאַכן, ומכל שכן אַז אַ גוי קען דאָס ניט חרוב מאַכן.

— אַזוי ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר

---

7) זע אויבן עמוד 405 הערה 1.

האט געזאגט [8]: אז נאר אונזערע גופים זיינען איבערגעגעבן אין גלות ושעבוד מלכיות, אבער אונזערע נשמות האט מען אין גלות ניט פארטריבן און אין שעבוד מלכיות ניט איבערגעגעבן. —

אין דעם רוחניות'דיקן בית המקדש וואס געפינט זיך ביי יעדער אידן, זיינען אויך פאראן די אלע זמנים פון יאר. און בשעת עס קומט יום כיפור, דארף יעדער איד, וואס ער איז דער כהן גדול אין זיין בית המקדש, טאן אליין אלע עבודות און ניט פארלאזן זיך אויף אן אנדערן. און אין דעם וואס ער דארף טאן, זיינען פאראן צוויי טיילן: די עבודות אין קדשי קדשים בבגדי לבן און די איבעריקע עבודות בבגדי זהב.

יג. דער טעם וואס די כהנים בעבודתם האבן געדארפט אנטאן בגדים לכבוד ולתפארת — וכנ"ל וואס יום כיפור האט געדארפט זיין די עבודה בבגדי זהב, אויסער אין קדשי קדשים — שרייבט דער רמב"ם [9], ווייל אין קדושה דארף מען נוצן די שענסטע און בעסטע זאכן. גאלד פארנעמט א וויכטיק ארט און עס מאכט אן איינדרוק אויפן מענטשן, דארף זיין די עבודה אין בית המקדש, בפרט ביום כיפור, בבגדי זהב.

איז דאך לויט דעם ניט פארשטאנדיק, פארוואס דוקא אין קדשי קדשים איז געווען די עבודה בבגדי לבן? אין קדשי קדשים איז דאך נאך הייליקער, האט דאך דארטן א ודאי געדארפט זיין די עבודה בבגדי זהב?

דער ענין איז: יעדער איינער דארף דינען דעם אויבערשטן לויט זיינע אלע כחות.

בשעת מען קומט צו א גביר נאך צדקה, קען ער ניט טענה'ן אז ער וועט יוצא זיין מיט תורה, תפלה, לערנען חסידות און נגלה, — ער דארף וויסן אז אין בית המקדש האט געדארפט זיין בגדי זהב.

פון דער צווייטער זייט, דארף מען געדענקען אז מען קען ניט יוצא זיין בלויז מיט אויסהאלטן ישיבות א.ד.ג. — בגדי זהב — נאר מען דארף האבן אויך בגדי לבן, ריינע קליידער, ענינים רוחניים וואס זיינען ריין און אויסגעטאן פון גשמיות און חומריות.

און יעדע איינע פון זיי דארף זיך צוגעפאסט צו איר ארט. ביי די עבודות וואס אויסער קדשי קדשים — דארף מען נוצן בגדי זהב, אויסנוצן בגדי זהב אויף בית המקדש זאכן.

— ווי עס שטייט אין מדרש [10]: לא הי' ראוי זהב להשתמש בו ולא נברא אלא בשביל בית המקדש. דעו עיקר בריאת הזהב איז געווען צוליב בית המקדש און מצד דעם איז דאס דא אויך אין דער גאנצער וועלט. און יעדער איד פארשטייט דאך, אז מען דארף ניט מאכן דעם עיקר פאר א טפל און דעם טפל פאר אן עיקר. —

אבער בשעת עס רעדט זיך וועגן קדשי קדשים, דער קדשי קדשים פון יעדער אידנס נשמה, דארטן דארף

8) ג' תמוז תרפ"ז. לקוטי דבורים תרצב, א. סה"ש תרפ"ז ע' 169.

9) מורה נבוכים חלק ג פרק מה.

10) בראשית רבה פרשה טז, ב.

מען זהב ניט אַריינגעמען. דער גביר, — מיט אַלעמען גלייך. די עבודות פון קדשי קדשים דאַרף מען טאָן בבגדי לבן.

יד. און דאָס איז דער ענין פון עשרת ימי תשובה, וועלכע הויבן זיך אָן מיט דעם ראש השנה'דיקן שופר, און ענדיקן זיך מיט עבודת כהן גדול ביום כיפור.

צום אָנהויב עשרת ימי תשובה נעמט מען אַ שופר און מען בלאָזט מיט אים. דער שופר איז אַ האָרן פון אַ בהמה, אויך די קולות וואָס מען בלאָזט מיט אים זיינען ניט קיין „מוזיקאַלישע טענער" נאָר איינפאַכע קולות, תקיעה שברים און תרועה. בשעת אַ איד שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם אויבערשטן זיינען ניטאָ קיין חכמות. זיין פאַרבונד מיטן אויבערשטן איז מיט אַ פשוט'ן האַרציקן אויסגעשריי. ער שרייט אויס פון זיין טיפן האַרצן, פנימיות הלב, אַז ער איז דעם אויבערשטנס אַ קינד און דער אויבערשטער איז זיין פאָטער, בעט ער, אַז דער טאַטע זאָל אים געבן אַ שנה טובה ומתוקה.

דער סיום פון עשרת ימי תשובה איז די עבודה פון כהן גדול אין די אויבנדערמאָנטע צוויי טיילן. ד. ה. אַז ער ווייס און באַשליסט צו דינען דעם אויבערשטן סיי מיט בגדי זהב, סיי מיט בגדי לבן.

בנוגע די זאַכן וואָס זיינען אויסערן קדשי קדשים, ווייס ער, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט אים געגעבן געלט און אַ אידישע נשמה, טאָר ער ניט באַהאַלטן זיך אין בגדי לבן, ריינע קליידער, וואָס יעדער זאַך איז אויף זיי אַ פלעק, און בשעת מען קומט צו אים וועגן געלט וועט ער זאָגן — זאָל מען גיין צו אַן אַנדערן וואָרום ער איז אַ קדוש וטהור. ער ווייס אַז דער בית המקדש, די ישיבה, בית הכנסת ובית המדרש דאַרף האָבן זהב — דאַרף ער געבן זהב.

בשעת אָבער עס קומט צו קדשי קדשים, איז ער גלייך מיט אַלעמען, ער גייט ניט אַרום מיט בגדי זהב נאָר מיט בגדי לבן, ווייסע ריינע קליידער, ריין פון גשמיות וחומריות. ער ווייס אַז אין קדשי קדשים האָט זיך קיין זאַך ניט געפונען, אַפילו דער לחם הפנים, וואָס ער איז הייליקע ברויט, איז אויך ניט געווען אין קדשי קדשים. מער ניט ווי דער אויבערשטער, די תורה — דער ארון און די לוחות — און דער כהן גדול.

טו. און דאָס איז דער מוסר השׂכל פאַר יעדער אידן:

די התחלה פון לעבן, די התחלה פון עבודה און דער אָנהויב פון יאָר, דאַרף זיין מיט אַ פשוט'ן אויסגעשריי צום אויבערשטן — העכער פון שכל, און דערנאָך דאַרף ער אַליין טאָן די עבודות אין בית המקדש, וואָס ער איז גאַנץ אויך איצטער, אין בגדי זהב און אין בגדי לבן.

און בשעת ער וועט אַזוי טאָן — וועלן ביי אים גיין גשמיות און רוחניות צוזאַמען, אַזוי ווי דער סדר ביי דעם כהן גדול איז געווען. ניט ער האָט פריער אָנגעטאָן די בגדי זהב און נאָכדעם די בגדי לבן, נאָר ער פלעגט זיי בייטן. פריער די בגדי זהב, דערנאָך די בגדי לבן, דערנאָך נאָך אַמאָל די בגדי זהב און דערנאָך נאָך אַמאָל די בגדי לבן, און

ווידער אַמאָל — בגדי זהב. ווייל ביי אידן איז גשמיות מיט רוחניות ניט אָפּגעטיילט.

טז. יום כיפור דאַרף אַ איד זיך באַטראַכטן און צוגרייטן זיך אַריינ־צוגיין אין קדשי קדשים וואָס ביי אים אינעווייניק.

וואָס איז דער מיין פון קדשי הקדשים?

אין קדשי הקדשים פון בית המק־דש, האָט זיך געפונען מער ניט ווי דער ארון אַליין, און אין דעם ארון האָבן זיך געפונען די לוחות. דאָס הייסט:

קדשי הקדשים דאָס איז דער אָרט פון לוחות — תורה אין אַן אופן פון חקיקה — איינגעקריצטע תורה.

דאָס איז אויך דער מיין פון קדש הקדשים, וואָס געפינט זיך ביי יע־דער אידן אינעווייניק.

דער פאַרבונד פון אַ אידן מיט תורה, תורת חיים, איז אַ פאַרבונד אין אַן אופן פון חקיקה [11]).

יז. אַז עס קומט יום כיפורים און אַ איד דאַרף אַריינגיין אין קדש הקדשים, ווערט ביי אים אַ שאלה: ווי קען איך אַריינגיין אין קדשי קדשים, בשעת אַז איך בין אינגאַנצן „ניט פאַרפוצט"?

אויף דעם ענטפערט מען:

אויף אַריינצוגיין אין קדשי קד־שים פאָדערן זיך ניט קיין בגדי זהב, קיין פאַרפוצונגען, קיין קאָ־לירן. עס פאָדערן זיך אָבער ווייסע ריינע קליידער, אַ ריינע אויסגעליי־טערטע האַרץ און אַ ריינע אויס־געלייטערטע קאָפּ.

און דאָס האָט יעדער איד נאָך דער טבילה ערב יום כיפור, אַ טבי־לה, וואָס שווענקט אָפּ די ניט גוטע און ניט פּאַסיקע זאַכן.

יח. אַזוי ווי דער כהן גדול, נאָך דער גאַנצער עבודה פון בגדי זהב און בגדי לבן, פלעגט זאָגן אַ תפלה קצרה, און מיט די פּאָר ווערטער פלעגט ער אויסבעטן אַ גוטן יאָר פאַר זיך, פאַר זיין שבט, און פאַר אַלע אידן אין דער גאַנצער וועלט, אויך אין גשמיות,

אַזוי אויך יעדער איד, בשעת ער טוט די עבודה אין דעם קדשי קד־שים וואָס ביי אים אינעווייניק, איז מיט אַ פּאָר געציילטע ווערטער אין געציילטע מאָמענטן, ברענגט ער גליק אויף אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

און אַזוי ווי די תפלה פון כהן גדול איז געווען פאַר אַלע אידן, אַזוי אויך די תפלה פון יעדער אידן יום כיפור, וואָס ער קומט דאָך צו גיין בבגדי לבן מיט אַ ריינער האַרץ און אַ גוטער כוונה, טוט ער אויף — ניט נאָר פאַר זיך און זיין פאַמי־ליע, נאָר פאַר אַלע אידן, ישראל ערבים זה בזה [12]), אויף ממשיך זיין אַ שנה טובה ומתוקה ברוחניות ובגשמיות.

(משיחות ד' תשרי תשי"ז)

11) לקוטי תורה ויקרא מה, א.

12) שבועות לט, א. סנהדרין כז, ב.

# ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א
## ערב יום הכפורים
## בבית הכנסת אחרי תפלת מנחה, ה'תשמ"ג

א. אויף ערב יום הכפורים שטייט „כל האוכל ושותה בתשיעי כו' כאילו התענה תשיעי ועשירי"[1] — איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת מ'געפינט זיך נאָך אין דעם טאָג פון ערב יום הכפורים טועט זיך אויף (דורך די אכילה ושתי' בערב יוהכ"פ) די ענינים וואָס טועט זיך אויף ביום הכפורים (כולל אויך די ענינים וואָס טועט זיך אויף מצד עצומו של יום[2]).

ביום הכפורים זיינען אַלע אידן (יעדער איד און אַלע אידן) „דוגמת מלאכי השרת"[3]. און בשעת אַז אידן דאָ למטה, נשמות בגופים, שטייען אין אַן אופן פון מלאכים — איז דאָך מובן, אַז זיי באַקומען דעמאָלט אַלע זייערע הצטרכות'ן פון דעם אויבערשטן אַליין, וואָס ער באַזאָרגט יעדער אידן מיט אַלץ וואָס ער נויטיגט זיך, מידו[4] המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.

ובפרט נאָך אַז ביוה"כ גייט אַריין דער כהן גדול אין קדש הקדשים און איז מקטיר קטורת „דקה מן הדקה"[5], און ער טוט עס אַלס בא כח און שליח פון יעדער אידן און פון אַלע אידן. וואָס די אַלע ענינים (כניסה לקה"ק, הקטרת הקטורת דקה מן הדקה) — ברוחניות — זיינען דאָ אויך איצטער בזמן הגלות, וואָרום ס'איז דאָך „ונשלמה פרים שפתינו"[6].

ואדרבה, בזמן הגלות קומט נאָך צו אין דעם אַ מעלה[7], אַז יעדער איד גופא איז בדוגמת כהן גדול, און ער בעצמו גייט אַריין אין קדש הקדש (ברוחניות), און ער בעצמו טוט די אַלע עבודות דיוהכ"פ ביז די עבודה הכי פנימית „דקה מן הדקה".

איז וויבאַלד אַז בערב יוה"כ איז שוין דאָ מעין הענין דיוה"כ (כנ"ל) — איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז נאָך בערב יוה"כ וועט שוין זיין די התעוררות רחמים רבים דורך תשובה עילאה [וואָס עיקרה ושלימותה איז ביוהכ"פ[8], ועד"ז בערב יוהכ"פ].

און וויבאַלד אַז תשובה עילאה איז בשמחה רבה[9], און פאַרבונדן מיט לימוד התורה[10] [וואָס דאָס גיט צו נאָכמער אין דער שמחה (בהתשובה), וואָרום תורה איז דאָך פקודי ה' ישרים משמחי לב[11]],

---

1) יומא פא, ב. ושי"נ. טושו"ע ושו"ע אדה"ז או"ח רסתר"ד.

2) שבועות יג, א. ושי"נ. וראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1150, דגם לרבנן הוא כן.

3) שו"ע אדה"ז או"ח סתר"י ס"ט. סתרי"ט ס"ט. סי"ז.

4) נוסח ברהמ"ז.

5) יומא מה, ב.

6) הושע יד, ג. וראה בארוכה שיחת שבת שובה ה'תשמ"ג.

7) דקלקלתינו זו היא תקנתינו (ע"ד שבת פ, ב).

8) גם התשובה דכל עשי"ת היא תשובה בדרגא נעלית [ובלשון הרמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ו: „יפה ביותר"], תשובה עילאה (ראה בארוכה לקו"ש ח"ט ע' 221. חי"ד ע' 145). ומכיון שבעשרה ימים אלו גופא „יום הכפורים (דוקא) הוא זמן תשובה" (רמב"ם שם ה"ז) — נמצא, שעיקרה ושלימותה דתשובה זו (תשו"ע) הוא ביוהכ"פ.

9) אגה"ת פי"א (קא, רע"א).

10) אגה"ת ספ"ח ואילך.

11) תהלים יט, ט. תענית ל, סע"א. טושו"ע או"ד ר"ס תקנד.

און תורה איז דער „כוס של ברכה"[12], די כלי צו אַלע ברכות[13] — וועט דאַך זיכער יעדער איד באַקומען נאָך בערב יו"כ די חתימה און גמר חתימה טובה, בכל המצטרך בגשמיות וברוחניות, בטוב הנראה והנגלה.

ב. אין דעם קומט צו נאָך אַן ענין מיוחד בשנה זו, וואָס די קביעות פון ערב יו"כ איז ביום הראשון פון פרשת וזאת הברכה, וואָס גלייך אין דער התחלה דהפרשה (— פון דעם שיעור היומי[14]) ווערט דערציילט זכותן של ישראל[15] — „ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן גו'"[16], אַז בשעת מ"ת איז „החזירה הקב"ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה", און אידן זיינען געווען די איינציקע וואָס האָבן מקבל געווען די תורה[17], און אין אַ אופן פון נעשה ונשמע.

וואָס דאָס איז דאָך דער זכות וואָס מען דערמאָנט בר"ה, כמבואר בארוכה אין דעם משל הידוע אויף תק"ש פון דעם אוהב ישראל המפורסם ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער[18].

און דערנאָך איז ער ממשיך (אין דעם שיעור חומש) „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[19], אַז דאָס וואָס אידן האָבן מקבל געווען די תורה ווי זי איז צוזאַמען מיטן אויבערשטן [וואָרום ס'איז „אנא נפשי כתבית יהבית"[20], אַז אין דער תורה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן די אידן האָט ער אַריינגעשריבן און אַריינגעגעבן זיך בעצמו], איז עס אין אַן אופן פון „מורשה" צו יעדער איינעם און איינע וואָס געהערן צו „קהלת יעקב" — ירושה נצחית[21] צו יעדער אידן עד סוף כל הדורות.

און כל ענינים אלו חזר'ן זיך איבער בכל שנה ושנה אין דעם זמן פון מתן תורה, כולל אויך דעם טאָג (יוהכ"פ) וואָס ניתנו בו לוחות האחרונות[22], ובפרט נאָך אַז אין די לוחות האחרונות איז צוגעקומען (אין תורה) אויך די מעלה פון תשובה[23], ביז צו תשובה עילאה.

ובפרט נאָך ווען די קביעות פון ערב יו"כ איז ביום הראשון פון פרשה וזאת הברכה (כבשנה זו), וואָס מען לערנט און מען לעבט[24] מיטן ענין פון „ה' מסיני בא גו'" און „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב".

ג. ס'איז דאָך המעשה הוא העיקר[25] — איז דער עיקר (און תכלית) פון כל

12) ראה סה"מ תש"ה ע' 73. תש"ט ע' 73 (הא'). תשי"א ע' 87.

13) כמ"ש (בחוקותי כו, ג) אם בחוקותי גו' שתהיו עמלים בתורה כו' (רש"י מתו"כ עה"פ שם) — ונתתי גשמיכם גו'.

14) דחומש — דשיעורי חת"ת (חומש, תהלים, תניא) הידועים.

15) שלכן „כדאי הם כו' שתחול עליהם ברכה" (פרש"י פרשתנו לג, ב).

16) פרשתנו שם.

17) ע"ז ב, סע"ב. פרש"י (מספרי) עה"פ.

18) המשך וככה תרל"ז פ"ע. וראה ד"ה אדון עולם ה'תשמ"ג (סה"מ — מלוקט ח"א ע' תכט) סעיף ח ואילך.

19) פרשתנו שם, ד.

20) שבת קה, א (כגירסת הע"י).

21) דירושה אין לה הפסק (ב"ב קכט, ב. קלג, א).

22) שלכן „יום חתונתו זה מתן תורה" קאי על יוהכ"פ (תענית כו, ב. פרש"י שם).

23) אוה"ת שמע"צ ע' א'תשעט ואילך. ובכ"מ. ולהעיר גם משמו"ר פמ"ו, א.

24) כתורת אדה"ז („היום יום" ב' חשון. ספר השיחות תש"ב ע' 29 ואילך).

25) אבות פ"א מי"ז.

הנ"ל, אַז עס קומט אַראָפּ אין מעשה בפועל, אין עולם העשי', איז אַ חתימה און גמר חתימה טובה, סיי ברוחניות סיי בגשמיות, און סיי בגשמיות סיי ברוחניות, און ברוחניות ובגשמיות גם יחד.

ובפרט אין דעם ענין שהזמן גרמא, אַז דער אויבערשטער העלפט יעדערן און יעדערע בתוך כלל ישראל, אַז די התעוררות תשובה זאָל זיין אַ התעוררות אמיתית, און אַז די תשובה זאָל זיין אין אַן אופן פון אַ פעולה נמשכת בכל השנה כולה.

און בשעת אַז די תשובה ווערט נמשך בכל השנה כולה, פועל'ט עס אויך אויף די מעשים דכל השנה, אַז זיי זיינען מעשים טובים ומאירים[26]. סיי די מעשים דתומ"צ, און אפילו די מעשים בדברי הרשות („מעשיך") טוט ער זיי („לשם שמים"[27], ביז) אין אַ אופן אַז זיי זיינען טובים ומאירים,

סיי „טובים ומאירים" ברוחניות — מצד דערויף וואָס זיי ווערן געטאָן „לשם שמים" ביז אין אַ אופן פון „דעהו"[28], און אויך „טובים ומאירים" בגשמיות — אַז אין אַלע מעשים איז דאָ די ברכת ה' בטוב הנראה והנגלה.

ד. וויבאַלד אַז המעשה הוא העיקר (כנ"ל), אַז אין עולם העשי' גופא איז דער עיקר די מעשה בפועל בגשמיות — איז מובן, אַז דער עיקר איז די חתימה און גמר חתימה טובה בנוגע לענינים הגשמיים[29] (אַז זיי זיינען טובים ומאירים בטוב הנראה והנגלה).

און בשעת אַז דער אויבערשטער גיט אידן גשמיות, מאַכן אידן פון די גשמיות רוחניות (כפתגם הידוע פון רבותינו נשיאינו[30]), ואדרבה, וויבאַלד אַז די דירה לו ית' ווערט אויפגעטאָן דוקא בתחתונים, אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו[31] — איז בשעת אַז אַ איד מאַכט פון זיינע ענינים הגשמיים אַ דירה צום אויבערשטן — דורך דעם וואָס די ענינים הגשמיים ברייינגען אים צו פאַרבינדן זיך מיטן אויבערשטן (נאָכמער ווי פריער), דורך לערנען תורה נאָכמער ווי ער האָט געלערנט פריער, דורך מוסיף זיין אין תפלה (וואָס ענין התפלה איז התחברות[32] מיט דעם צו וועמען מ'איז מתפלל), און דורך מוסיף זיין אין קיום המצוות (מצוה מלשון צוותא וחיבור[33]) —

ווערט עס די אמת'ע דירה לו ית', לו לעצמותו.

און דאָס איז מוסיף נאָכמער אין די המשכה והשפעה מלמעלה, וואָרום וויבאַלד אַז ער פאַרבינדט זיך, און באַקומט די השפעה, פון דעם אויבערשטן בעצמו — איז דאָך „באור פני מלך חיים"[34], אַז ס'איז ניטאָ קיינע צמצומים

26) וכידוע הפירוש בלשון חז"ל „תשובה ומעשים טובים" (אבות פ"ד מי"ז) דע"י קדימת התשובה המעשים נעשים טובים ומאירים (לקו"ת מטות פב, א. שמע"צ פה, א. שה"ש יז, ג).

27) אבות פ"ב מי"ב.

28) משלי ג, ו. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו.

29) וע"ד המובא בלקו"ת ר"ה נט, ב מהגהות מיימוניות הל' תשובה פ"ג ה"ג (בנוגע לר"ה).

30) „היום יום" כז טבת. כז אלול. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' לד.

31) תניא פל"ו.

32) ד„תפלה היא מלשון חבור כמו נפתולי נפתלתי . . התופל כלי חרס" (תו"א תרומה עט, סע"ד. וראה הערה בסה"מ תש"ט ע' 79 (השני)).

33) לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ.

34) משלי טז, טו.

מדידות והגבלות וכיו"ב, און ס'איז אַ התרחבות אמיתית למעלה מכל מדידה והגבלה.

ה. נאָך אַ ענין מיוחד בשנה זו — אַז די התחלה און „ראש" (קאָפּ)[35] פון דעם יאָר איז געווען בשבת, וואָס ענינו פון שבת איז עונג. ביז אַז יעדער ענין (וואָס עס זאָל נאָר זיין), אויב מ'טוט עס בשבת, איז דאָס אַ ענין פון עונג.

און נוסף צו דעם עונג וואָס איז דאָ בשבת מצד עצמו, האָט אַ איד בכח צו מוסיף זיין בשבת נאָכמער עונג — „וקראת לשבת עונג", „המענג את השבת"[36].

איז וויבאַלד אַז דער „ראש" פון דעם שנה איז געווען בשבת (עונג), ווערט עס אַזוי נמשך אין כל ימי השנה, אַז עס ווערט אַ שנה של עונג, עונג אין אַלע דרגות, ביז אין דרגא הכי תחתונה, אין עשי' בפועל ממש, אַז דער אויבער־שטער גיט יעדער אידן און אַלע אידן כל עניני עונג, ביז אין גשמיות כפשוטו,

און כאמור לעיל (סעיף ד') אַז אַ איד מאַכט פון גשמיות רוחניות, אַז די אַלע עניני עונג ברייגנען אים צו (מוסיף זיין אין עבודת ה', און) גורם זיין עונג להקב"ה — נחת[37] רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני.

און ווי דער רבי מהר"ש [וואָס בשנה זו איז מאה שנה להסתלקות־הילולא שלו, וואָס דעמאָלט איז כל עבודתו שעבד כל ימי חייו, איז עולה לשרשו ומקורו, און פון דאָרטן ווערט עס נמשך און פועל'ט ביז למטה מטה, „פועל[38] ישועות בקרב הארץ"[39]] איז מבאר מעלת תענוג הבורא מובן אז דער תענוג דנברא פאַראייניקט זיך מיט תענוג הבורא[40].

ביז אַז דאָס (דער יחוד פון תענוג דנברא מיט תענוג דבורא) איז אין אַן אופן גלוי בכל סדר ההשתלשלות, פון גבוה גבוה ביותר ביז אין תחתון תחתון ביותר.

און דאָס איז מוסיף נאָכמער הצלחה אין דער עבודה פון ערב יוה"כ אַלס הכנה צו יוה"כ, און אויך אין די עבודה קדושה פון יום הקדוש (יוהכ"פ) גופא,

און וויבאַלד יוהכ"פ „נק' ג"כ ראש השנה" [ווי דער אלטער רבי ברייגנט אין לקו"ת[41], און דער צ"צ איז מציין[42] (אַז דאָס וואָס יו"כ נק' ראש השנה, איז עס) „ביחזקאל בסי' מ"ח", וואָס יחזקאל איז פאַרבונדן מיט מעשה מרכבה], ואדרבה, יוהכ"פ איז ראש השנה בבחי' פנימיות[43] — ווערט עס נמשך פון יוהכ"פ אין כל ימי השנה,

און אין די ימים וואָס זיינען פריער (פאַר יוהכ"פ), וואָרום וויבאַלד אַז קדושה איז למעלה מהזמן, פועל'ט עס אויפן עבר,

---

35) ראה לקו"ת תבוא מא, ג. נצבים מז, א. ר"ה נח, א. עט"ר בתחלתו. ובכ"מ.

36) ישעי' נח, יג. שבת קיח, סע"א. ובכ"מ. וראה בארוכה ד"ה יו"ט של ר"ה ה'תשמ"ג (סה"מ — מלוקט ח"א ע' תכא) סעיף ג.

37) פרש"י עה"פ ויקרא א, ט. ספרי ופרש"י עה"פ פינחס כח, ח.

38) לשון הכתוב — תהלים עד, יב.

39) ראה בכ"ז אגה"ק סי' זך וביאורו. סי' כח. סידור שער הל"ג בעומר (דש, רע"ג). ועוד.

40) ראה המשך וככה תרל"ז פי"ב שגם ישראל יקבלו מעונג נח"ר דבורא.

41) דרושי ר"ה נח, א. סד, א.

42) בלקו"ת שם סד, א.

43) לקו"ת שם נח, א.

ועאכו"כ אַז דאָס פועל'ט אויפן הוה, און אויפן עתיד.

ו. בכדי צו מוסיף זיין נאָכמער אין די ברכות והשפעות מלמעלה בכל הענינים האמורים לעיל — איז דאָך ידוע[44] אַז די כלי צו „ברכנו אבינו . . באור פניך" איז „כולנו כאחד".

וואָס אויך דער ענין („כולנו כאחד") איז מודגש ביותר בשנה זו,

סיי מצד די קביעות פון ראש השנה — יו"ט של ר"ה שחל להיות בשבת, וואָרום בשבת זיינען אַלע אידן בהתאחדות[45], ביז אַז אפילו אַזאַ וואָס איז בדרגא הכי תחתונה איז בשבת שטייט ער אין מעמד ומצב פון אמת (אפילו בנוגע צו זיין דיבור בעוה"ז הגשמי)[46] און ער ווערט פאַראייניציקט מיט אַלע אידן,

סיי מצד די קביעות פון ערב יוהכ"פ, וואָס פון די פסוקים פון דעם שיעור חומש פון ערב יוהכ"פ דשנה זו איז „ויהי[47] בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל".

און דעריבער איז בשנה זו דאָ אַ נתינת כח מיוחדת עס זאָל זיין „כולנו כאחד", וואָס דאָס איז ממשיך דעם „ברכנו אבינו . . באור פניך" מיט דער גאַנצער חיות און לעבעדיקייט און ליכ־טיקייט און שטורעם, בנוגע צו אַלע ענינים,

ביז צו דער ברכה העיקרית — (אַז דורך „בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל" ווערט) „ויהי בישורון מלך", דאָ מלכא משיחא[48], יבוא ויתגלה ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בקרוב ממש.

ז. און דאָס איז אויך וואָס מען האָלט אין איין שטורעמען אין די לעצטע טעג און רגעים פון גלות, אַז נוסף צום ענין פון אהבת ישראל דאַרף זיין אויך אחדות ישראל, אַז יעדער איד זאָל זיך פאַר־איינציקן מיט אַלע אידן צוזאַמען — „כולנו כאחד".

און פון דעם ווערט עס נמשך אין אַלע ענינים (מבצעים):

אין אהבת ישראל — ואהבת[49] לרעך כמוך [וואָס דאָס איז פאַרבונדן אויך מיטן פירוש אַז „רעך" גייט אויף דעם אויבערשטן[50]];

אין חינוך — חינוך עצמו וחינוך זולתו;

און פון די צוויי ענינים כלליים (אהבת ישראל און חינוך) קומט עס דערנאָך אַראָפּ בפועל אין תורה; אין תפילין [וואָס „הוקשה כל התורה כולה לתפילין"[51]]; אין מזוזה; אין צדקה; אין בית מלא ספרים — יבנה וחכמי'; אין כשרות האכילה ושתי'; אין הדלקת נרות דשבת קודש ויו"ט [כולל אויך הדלקת הנרות דיוהכ"פ, צוזאַמען מיט ברכת „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה"]; און אין טהרת המשפחה,

וואָס דאָס (טהרת המשפחה) איז די

---

44) תניא פרק לב.

45) להעיר גם מזה שצריך „להקהיל קהלות בכל שבת" (שו"ע אדה"ז או"ח סר"צ ס"ג. וש"נ).

46) ירושלמי דמאי רפ"ד.

47) פרשתנו לג, ה.

48) ראה תקו"ז תל"ז (עח, סע"א). וראה גם אוה"ת פרשתנו ע' א'תתנג. ע' א'תתסג.

49) קדושים יט, יח.

50) פרש"י (ד"ה דעלך) שבת לא, א.

51) קידושין לה, א.

הקדמה צו „וזרקתי[52] עליכם מים טהורים וטהרתם", וואָס איז די הקדמה צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

און דורך דעם וואָס מען טוט אין די אַלע ענינים הנ"ל, מיוסד אויף אחדות ישראל — היילט מען צו נאָכמער דעם „אחישנה"[53] און דעם „וארו עם ענני שמיא"[54] פון דער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו,

כאמור לעיל (סעיף ו') אַז „בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל" היילט צו דעם „ויהי בישורון מלך" דא מלכא משיחא, וואָס ער וועט צוזאַמענקלייבן אַלע אידן, אַרויסנעמען זיי פון גלות און ברייינגען זיי לארצנו הקדושה, און אין אַ אופן פון אַלע אידן צוזאַמען, אחדות ישראל — „קהל גדול ישובו הנה"[55], „קהל גדול" ל' יחיד.

ח. און אויך אין די לעצטע רגעים פון גלות איז „לא ינום ולא יישן שומר ישראל"[56], און ער היט אידן בכל מקום שהם, וואו נאָר אַ איד געפינט זיך,

ועאכו"כ די אידן וואָס געפינען זיך אין ארצנו הקדושה, וואָס זיי האָבן אויך דעם זכות נוסף פון (דעם וואָס זיי גע־פינען זיך אין אַן אָרט וואָס) אוירה טהור און גושה טהור[57], ביז צום זיין ב„פלטרין של מלך".

אַז מען וועט זיך האַלטן באַ תורה בשלימותה, צו מקיים זיין אַלץ וואָס שטייט אין תורה, כולל אויך דעם ציווי התורה[58] אַז מען טאָר ניט אָנרירן דעם בטחון פון אַ אידישן ישוב,

וואָס דער דין איז אפילו בנוגע צו אידישע ישובים אין חוץ לארץ[59]. ועאכו"כ אַז מ'טאָר ניט אָנרירן דעם בטחון פון ארץ ישראל (וואָס אין דעם זיינען נכלל אויך די ערטער וואָס זיי־נען ניט אין די גבולות פון ארץ ישראל, וויבאַלד אַז דאָס איז נוגע צום בטחון פון ארץ ישראל),

וואָס דעריבער וועט מען זיכער אָנ־האַלטן, ובתוקף, די אַלע חלקים פון ארצנו הקדושה וואָס דער אויבער־שטער האָט שוין אומגעקערט צו אידן, ובפרט אַז ער האָט זיי אומגעקערט דורך ניסים גלויים,

און דורך דעם וואָס מ'וועט זיך האַלטן באַ שלימות התורה, כולל אויך דעם ציווי התורה (הנ"ל) צו האַלטן זיך באַ שלימות הארץ בנוגע צו די חלקים פון ארץ ישראל וועלכע מ'האָט שוין באַקומען פון דעם אויבערשטן,

וועט דאָס צוהיילן נאָכמער די גאולה וואָס דאַן וועט מען האָבן שלימות הארץ בתכלית — גאַנץ ארץ ישראל לגבולותי', כולל אויך גלייך דערנאָך (אחישנה) דעם „כי[60] ירחיב ה' אלקיך את גבולך",

צוזאַמען מיט שלימות העם — אַז קיין איד (אפילו ניט קיין איין איינציקער)

---

52) יחזקאל לו, כה. ולהעיר דענין זה שייך במיוחד ליו"כ — ראה יומא פה, ב במשנה.

53) ישעי' ס, כב. סנהדרין צח, א.

54) דניאל ז, יג. סנהדרין שם.

55) ירמי' לא, ז. ולהעיר, שפסוק זה הוא בההפטורה (דיום ב') דר"ה.

56) תהלים קכא, ד.

57) ראה שבת טו, ב. גיטין ח, סע"א ואילך.

58) שו"ע או"ח ואדה"ז סי' שכט ס"ו.

59) כדמוכח בפשטות באו"ח שם. וראה עירובין מה, א: נהרדעא.

60) ראה יב, כ. שופטים יט, ח ובפרש"י שם.

וועט ניט בלייבן ח"ו אין גוי'שקייט און גלות, ווארום „ואתם[61] תלוקטו לאחד אחד בני ישראל", אז דער אויבער־שטער בעצמו נעמט אן יעדער אידן פאר זיין האנט און נעמט עם ארויס פון גלות.

און אין א אופן, אז דער אויבער־שטער גייט מיט אים צוזאמען — „את שבותך"[62].

וואס דאס איז דאך דער ענין ואופן הגאולה, ביז צו שלימות הגאולה.

און כל ענינים אלו — אין א אופן פון „אחישנה", ובלשון הרמב"ם[63] — „מיד".

ט. און דורך דעם וואס מען וועט זיך פירן ע"פ הוראת התורה צו שטייען מיט א תוקף אויף ניט אנרירן דעם בטחון פון ארץ ישראל — וועלן במילא בטל ווערן די אלע ענינים בלתי רצויים (בדוגמת ווי תשובה עילאה, וואס אין תשו"ע איז (מלכתחילה) ניטא קיין ארט אויף ענינים בלתי רצויים[64]),

אז מ'וועט ניט דארפן נוצן די כלי נשק, ווארום די ידיעה אז מען האט די כלי נשק איז דאס אליין וועט פועל'ן אז „תפול עליהם אימתה ופחד"[65], וויבאלד אז מען טוט דאס (דעם האלטן די כלי נשק וכו') ניט מצד „כוחי ועוצם ידי"[66] נאר מצד דעם ציווי פון אויבערשטן —

איז בשעת אז דאס איז „בגדול זרועך" (פון דעם אויבערשטן), איז „ידמו כאבן"[65], כאבן ממש.

און נאך מער: „בשבעה דרכים ינוסו לפניך"[67], ובמילא וועט דאס ניט אנרירן אפילו זייער (דאלה שנוסו) לעבן (ווי־באלד אז „ינוסו"),

וויבאלד מען פירט זיך ע"פ הוראת התורה וואס „דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום"[68], וועלן אלע ענינים זיין בדרכי נועם ובדרכי שלום,

ביז אז דאס וועט ברענגען שלום אויך אין וועלט (צווישן די אומות גופא), נאך אין די לעצטע טעג פון גלות,

ובנוגע צו אידן, איז מען נאך מוסיף — „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[69] (נאך זייענדיק אין מצרים[70]),

און נאך מער: „והיו מלכים אומניך ושרותיהם מיניקותיך"[71], אז נאך זייענ־דיק אין גלות, וועלן „מלכים" און „שרותיהם" טאן אלץ וואס עס הייננט אפ אין זיי, און טאן דאס בסבר פנים יפות, אז יעדער איד זאל זיין אין א אופן פון „תפארת", וויבאלד ער געהערט צו „ממלכת[72] כהנים וגוי קדוש"[73].

וואס דאס (דער יחס הנ"ל פון אוה"ע צו אידן) קומט דורך דעם וואס אידן שטייען אין אזא אופן, אז ניט נאר וואס זיי זיינען ניט אראפגעפאלן פאר גוים

61) ישעי' כז, יב. וראה פרש"י נצבים ל, ג.
62) נצבים שם. וראה מגילה כט, א. פרש"י עה"פ שם.
63) הל' תשובה פ"ז ה"ה.
64) דתשובה עילאה ענינה (בכלל) הוא והרוח תשוב גו' (סה"מ קונטרסים ח"א קלה, ב). ואפילו כשבאה על חטא — היא באופן שמתהפך לגמרי כצדיק מעיקרו (סה"מ תש"ה ע' 42).
65) בשלח טו, טז.
66) לשון הכתוב — עקב ח, יז.
67) תבוא כח, ז.
68) משלי ג, יז.
69) בא י, כג.
70) כי הגאולה עתה היא כימי צאתך מארמ"צ (מיכה ז, טו).
71) ישעי' מט, כג.
72) יתרו יט, ו.
73) ראה זבחים יט, רע"א ובפרש"י שם. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ד ע' 175.

און גוי'שקייט, נאַר אדרבה, זיי שטייען „בקומה זקופה",

און דאָס וואָס זיי שטייען אין אַזאַ אופן, איז עס (ניט מצד „כוחי ועוצם ידי" ח"ו, נאַר) מצד דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אויפגעשטעלט אידן אין אַזאַ אופן, „ואולך אתכם קוממיות — בקומה זקופה"[74],

און ווי ער זאָגט אויך אין היינטיקן שיעור חומש[75], אַז אידן (יעדער איד און אַלע אידן) זיינען „קדושים", און „הם תוכו לרגליך ישא מדברותיך", אַז אידן זיינען די איינציקע וואָס האָבן מקבל געווען די תורה, און דורך דעם גע־מאַכט דעם אויבערשטן פאַר אַ מלך (כמבואר בארוכה אין דעם משל פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער[18], ווי דער „איש חכם ונבון"[76] האָט געבראַכט דעם מלך לבית המלוכה און אַוועקגעזעצט אים על כסא מלכותו).

וואָס דאָס האָט אַ שייכות מיוחדת צו ר"ה — „תמליכוני עליכם"[77], אַז אידן זיינען מכתיר (קרוינען) דעם אויבער־שטן ער זאָל זיין אַ מלך, און זיי טוען דאָס בשמחה גדולה[78].

יו"ד. וכאמור לעיל (סעיף ג'), אַז כל ענינים אלו קומען אַראָפּ אין מעשה בפועל, וואָס המעשה הוא העיקר, בפשטות ובגשמיות. אַז אידן (יעדער אידן און אַלע אידן) האָבן אַ מנוחה אמיתית, ביז אַ מנוחה וואָס איז מעין פון דער מנוחה פון „יום[79] שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים".

וואָס כל שבת ושבת איז בדוגמת „יום שכולו שבת"[80]. און די מנוחה שבכל שבת נעמט זיך פון אויבערשטן — „מאתך היא מנוחתם"[81], ביז דרגת המנוחה דיום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים.

און וויבאַלד אַז שבת נעמט אַרויס אידן פון הגבלות פון עולם (מקום וזמן[82]), און אפילו כביכול פון די הגבלות ווי זיי זיינען מצד דיבורו של הקב"ה (כידוע אַז בשבת איז מען מקבל חיות פון מחשבתו של הקב"ה וואָס איז העכער פון דיבורו[83]) — דעריבער, איז „מנוחתם" פון אידן דשבת, בכל מקום (אויך בחו"ל) ובכל זמן (אויך בזמן הגלות),

אַז מ'האָט אַ שנה טובה ומבורכת בכל הענינים,

וע"פ סדר הא"ב: אַנהויבנדיק פון שנת אורה. און דערנאָך די אַלע אַנדערע ענינים טובים וואָס הויבן זיך אָן מיט די אַנדערע אותיות פון דער א"ב,

ביז צו די ענינים טובים וואָס הויבן זיך אָן מיט אַ ת"ו: תשובה [ביז צו שלימות התשובה, וואָס דאָס איז דאָך די תשובה דעשי"ת, ובפרט די תשובה דערב יוהכ"פ ודיוהכ"פ[84]], תפלה און תורה.

---

74) בחוקותי כו, יג. תו"כ ופרש"י שם.

75) לג, ג.

76) להעיר שישראל הוא „עם חכם ונבון" (ואתחנן ד, ו).

77) ר"ה טז, א. לד, ב.

78) המשך ר"ה תש"ג רפ"ב.

79) תמיד בסופה.

80) ראה המשך תרס"ו ע' תקמב ואילך. המשך תער"ב ח"ב ע' א'קכז. ועוד.

81) נוסח התפלה — מנחת שבת.

82) שעהיוה"א פ"ז (פב, א).

83) לקו"ת דרושי שבת שובה סו, ג. ובכ"מ.

84) ראה לעיל הערה 8.

אַנהויבנדיק פון דעם וואָס מ׳האָט אַ הצלחה׳דיקן ערב יוהכ״פ און אַ הצלחה׳דיקן יוהכ״פ,

און דערנאָך גייט מען גלייך אַריין אין די ד׳ ימים שבין יוהכ״פ לסוכות, וואָס זיי זיינען כנגד די ד׳ אותיות פון שם הוי׳[85] (און אויך די עבודה דימים אלו איז פאַרבונדן מיט תשובה עילאה[86]),

און בימים אלו גרייט מען אויך צו די סוכה מיט די ד׳ מינים, וואָס זיי זיינען דער סימן און נתינת כח (נוסף) אויף אחדות ישראל,

כידוע[87] אַז די ד׳ מינים זיינען מרמז אויף די ד׳ סוגים וואָס זיינען דאָ באַ אידן, און דאָס וואָס מען מאַכט אַלע ד׳ מינים איין מצוה מלשון צוותא וחיבור מיטן אויבערשטן — איז עס מרמז ווי אַלע פיר סוגים דישראל ווערן אַן „אגודה אחת״ אויף „לעשות רצונך״,

וואָס דאָס (אחדות ישראל) היילט צו נאָכמער דעם „ויהי בישורון מלך״ דא מלכא משיחא (כנ״ל סעיף ו׳),

און דערנאָך האָט מען גלייך די ישיבה אין סוכת עורו של לויתן[88],

במהרה בימינו ממש.

85) שיחת מוצאי יו״כ תש״ ס״ה (נדפס בסה״מ תשי״א ע׳ 42). אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ קצד. ח״ג ע׳ תפג.

86) כידוע שפעם למחרת יוהכ״פ אמר כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע „איצטער ערשט דאַרפן תשובה טאָן״ (הובא ונתבאר בהקדמה לקונטרס צז — נדפס בסה״מ תש״ט ע׳ 42. לקו״ש חי״ד ע׳ 400). וראה לקו״ש שם ע׳ 147 הערה 31.

87) ויק״ר פ״ל, יב.

88) ב״ב עה, א.

## בס"ד. ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א להתלמידים שיחיו ערב יום הכפורים לפני כל נדרי, ה'תשנ"ב.

בלתי מוגה

"וידבר ה' אל משה לאמר, דבר אל אהרן ואל בניו לאמר, כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך ויחונך, ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום, ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם"[1].

**א.** ע"פ הכלל שההתחלה היא בהמשך להסיום שלפנ"ז (במה שמסיים מתחיל)[2] – יש להתחיל בהענין ד"ואני אברכם" (הסיום דברכת כהנים), שמצינו בגמרא[3] ב' פירושים:

א) "כהנים מברכים לישראל והקב"ה מברך לכהנים". ב) "כהנים מברכים לישראל והקב"ה מסכים על ידם".

[וגם להפירוש ש"ואני אברכם" קאי על בנ"י, יש ברכה גם לכהנים – כפי שלמדים ממ"ש[4] "ואברכה מברכיך"[3]. ובמכ"ש וק"ו: אם בנוגע לכל אדם (אפילו אינו-יהודי) נאמר "ואברכה מברכיך"[5], בנוגע לבנ"י, ובבנ"י גופא שבט לוי, ובשבט לוי גופא כהנים – על אחת כמה וכמה שישנה ההבטחה "ואברכה מברכיך", וביתר שאת וביתר עוז].

ובנדו"ד מודגש הקשר והשייכות דב' הפירושים ב"ואני אברכם", כיון שגם המתברכים הם בדוגמת כהנים – כמובן מפס"ד הרמב"ם[6] "ולא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש .. אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' .. ופרק מעל צוארו עול החשבונות הרבים אשר בקשו בני האדם, הרי זה נתקדש קדש קדשים וכו'" – שזוהי ההנהגה של תלמידי הישיבה, שתורתם אומנתם, ובפרט תלמידים שלומדים בישיבת תומכי תמימים ומתנהגים ברוחה, ככל פרטי ההוראות ששמענו מכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, המנהל-פועל של הישיבה מיום הווסדה[7] ועד היום הזה[8].

---

1) נוסח ברכת כהנים – נשא ו, כב ואילך.
2) ראה ב"ר פ"ק, יב.
3) חולין מט, סע"א.
4) לך לך יב, ג.
5) ראה תוד"ה ואברכה – חולין שם.
6) הל' שמיטה ויובל בסופן.
7) שאז הי' בנו יחידו (ובמילא ממלא מקומו) של נשיא הדור בימים ההם.
8) וגם לעתיד לבוא, לעד ולנצח נצחים, שהרי קדושה לא זזה ממקומה (ראה תניא אגה"ק ביאור לסי' ז"ך), ואדרבה, הלוך ומוסיף ואור, ועד לעילוי שבאין ערוך.

**ב.** והוספה יתירה בהברכה – מצד הענין ד"טוב עין הוא יבורך כי נתן מלחמו לדל"[9]:

פסוק זה נאמר על משה רבינו[10], שענינו תורה[11], ודוגמתו בכל לומדי תורה, ובנדו"ד, תלמידי הישיבות, שהנהגתם היא באופן ד"טוב עין .. כי נתן מלחמו (דקאי על התורה שנקראת לחם[12], ונעשית דם ובשר כבשרו[13], "לחמו") לדל"[14], גם לאלה שבערך אליהם נמצאים במעמד ומצב של "דל"[15].

ובהדגשה יתירה בנוגע לתלמידי ישיבת תומכי תמימים, שמתנהגים ע"פ הוראת המנהל־פועל של הישיבה, שאצלו הי' מודגש ביותר הענין ד"טוב עין .. כי נתן מלחמו דל".

ו"טוב עין הוא יבורך" – שניתוסף ביתר שאת וביתר עוז בהברכות בכל המצטרך להם בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות, כולל ובמיוחד בהמצטרך להם בשביל קיום הענין ד"טוב עין .. כי נתן מלחמו לדל" כדבעי.

ועד לשלימות הענין ד"הוא יבורך" – ש"הוא" האמיתי, עצמותו ומהותו ית', נברך ונמשך ("יבורך" מלשון ברכה והמשכה[16]) בגלוי למטה, שעי"ז ניתוסף בהמשכת כל הברכות ממקור הברכות לכל בנ"י (החל מתלמידי הישיבות, בני ביתם והשייכים אליהם), שנמשכות ומתגלות ע"י נשיא הדור, "הנשיא הוא הכל"[17], שכולל כל עניני הדור, ועאכו"כ אנשי הדור, ובפרט בנ"י, "אתם קרויין אדם"[18], ע"ש "אדמה לעליון"[19], מצד נשמתם שהיא "חלק אלקה ממעל ממש"[20], ונרגש גם בגופם, נשמה בריאה בגוף בריא.

**ג.** ובפרטיות יותר:

התחלת ועיקר הברכה היא בנוגע לתורה – הצלחה רבה ומופלגה בלימוד התורה, הן נגלה דתורה והן פנימיות התורה,

– וכמרומז גם בהקביעות דיוהכ"פ ביום הרביעי בשבוע שבו נתלו "שני המאורות הגדולים"[21], שרומז על ב' הענינים שבתורה ("תורה אור"[22]), תורה שבכתב ותורה שבע"פ[23], נגלה דתורה ופנימיות התורה[24] –

---

9) משלי כב, ט.
10) נדרים לח, א.
11) ראה שמו"ר פ"ל, ד. וש"נ.
12) ראה ברכות נז, סע"א. ועוד.
13) ראה תניא פ"ה.
14) נוסף לכך שגם אצלם ישנו הענין ד"דל" בעבודה הרוחנית – ענין הביטול, "ונפשי כעפר לכל תהי'".
15) ובפרט שלאמיתתו של דבר אי אפשר לידע מעמדו ומצבו של הזולת, שהרי, "אין אדם יודע מה בלבו של חבירו" (פסחים נד, רע"ב), כולל ובמיוחד בנוגע לעבודה שבלב, רעותא דלבא, ועד לפנימיות הלב כו'.
16) ראה תו"א מקץ לז, ג. ובכ"מ.
17) פרש"י חוקת כא, כא.
18) יבמות סא, רע"א.
19) ראה של"ה ג, רע"א. ועוד.
20) תניא רפ"ב.
21) בראשית א, טז.
22) משלי ו, כג.
23) ראה לקו"ש ח"ל ע' 10 ואילך. וש"נ.
24) ראה לקו"ש ח"ו ע' 37 ואילך. וש"נ.

**בלתי מוגה**

ושניהם (נגלה ופנימיות) יחד, ״תורה אחת״[25], כמודגש בשמה של הישיבה ״תומכי תמימים״, כיון ש״מטרת הישיבה להיות תורת ה׳ תורה הנגלית ותורת החסידות תמימה״[26],

והצלחה רבה ומופלגה גם בנוגע לתמכין דאורייתא (תומכי תמימים), שעליהם נאמר ״עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכי׳ מאושר״[27], ״אל תקרי מאושר אלא מראשו[28] אינון תמכין לאורייתא״[29],

ומהתורה נמשך גם בעולם (שנברא ע״י התורה[30]) — שהגילוי ד״תורה אחת״ (הקשורה עם ״ה׳ אחד״) חודר ונמשך ע״י ישראל, ״גוי אחד — (גם) בארץ״[31], בכל העולם[32] (שנברא בשביל התורה ובשביל ישראל[33]), שתתגלה בו המציאות ד״ה׳ אחד״, כמ״ש[34] ״ואמת הוי׳ לעולם״, ולא רק ״לעולם״, אלא גם ״בעולם״, שבכל העולם כולו (לא רק בבנ״י, ולא רק במין המדבר, אלא גם במין החי והצומח עד לדומם) יתגלה ה״אמת הוי׳״ — ״אין עוד מלבדו״[35], ויתירה מזה, ״אין עוד״[36].

ויש לקשר זה עם ענינו של יוהכ״פ — ״אחת בשנה״[37] — שרומז על גילוי והמשכת ה״אחת״[38] (ע״י ה״אחת״ שבתורה) גם ״בשנה״, ענין הזמן (שקשור גם עם ענין המקום), גדר העולם[39], ובאופן שנעשים מציאות ״אחת״, שהיש הנברא והיש האמיתי הם חד ממש[40].

ד. ויה״ר שיקויים בכם — תלמידי ישיבת תומכי תמימים, בתוככי כלל ישראל[41] — הענין ד״אתם נצבים היום[42] כולכם לפני ה׳ אלקיכם״[43],

---

25) ראה התוועדויות תשמ״ח ח״ב ע׳ 408. תשמ״ט ח״ד ע׳ 313. וש״נ.

26) ״התמים״ ח״א ע׳ כה.

27) משלי ג, יח.

28) להעיר מהשייכות ד״מראשו״ ליוהכ״פ – ש״נק׳ ג״כ ראש השנה בכתוב (יחזקאל מ, א) והוא בחי׳ נשמה ופנימיות״ (לקו״ת דרושי ר״ה נח, א).

29) זח״ג נג, ב. וראה סה״מ תרצ״ט ע׳ 68 ואילך.

30) ראה זח״ב קסא, סע״א ואילך.

31) שמואל־ב ז, כג. ועוד. וראה תניא אגה״ק ס״ט. ובכ״מ.

32) החל מהארץ המיוחדת – ״ארץ אשר גו׳ תמיד עיני* ה׳ אלקיך בה״ (עקב יא, יב), ועל ידה נמשך גם בכל העולם.

33) כדרשת חז״ל: ״בראשית״, ב׳ ראשית, בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית (פרש״י ר״פ בראשית. ובכ״מ).

34) תהלים קיז, ב.

35) ואתחנן ד, לה.

36) שם, לט. וראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 202 הערה 86.

37) ס״פ תצוה. אחרי טז, לד.

38) להעיר מתוד״ה עד אחת – מנחות יח, א.

39) ראה תניא שעהיוה״א פ״ז. ובכ״מ.

40) ראה ביאוה״ז לאדהאמ״צ בשלח מג, ג. ובכ״מ.

41) נוסף על הברכות האמורות לעיל (בהשיחה שלאחרי תפלת מנחה), שבה נכללים גם כאו״א מהנמצאים כאן, בתוככי כלל ישראל.

42) דקאי על ר״ה (לקו״ת ר״פ נצבים), ועד״ז יוהכ״פ שהוא בחי׳ ר״ה בפנימיות (כנ״ל הערה 28).

43) ר״פ נצבים.

---

*) **״עיני״** דייקא — שע״י העיניים מתגלית ומתבטאת (״זאָגט זיך אַרויס״) כל מציאותו של בעל העיניים, ובנדו״ד, המציאות דה׳ אלקיך.

**בלתי מוגה**

״נצבים״ — מלשון ״נצב מלך״[44], ״מאן מלכי רבנן״[45], אלה שמתעסקים בלימוד התורה,

״לפני הוי׳ אלקיכם״ — ״לפני״ מלשון פנימיות[46], הפנימיות דהוי׳ אלקיכם, כולל גם כפי ש״הוי׳״ נעשה ״אלקיכם״, כחכם וחיותכם[47],

ובאופן ד״כולכם״ — שכוללים גם את כל בנ״י, מתוך אהבת ישראל, ״ואהבת לרעך[48] כמוך״[49],

ובפשטות — שכל בנ״י, ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[50], מתקבצים ובאים כולם יחדיו (״כולכם״) לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש, להר הקודש ולבית המקדש השלישי — ״לפני ה׳ אלקיכם״.

וענין זה שייך במיוחד ליוהכ״פ — כידוע[51] הפירוש במ״ש[52] ״יחיינו מיומיים ביום השלישי יקימנו ונחי׳ לפניו״, ש״יומיים״ קאי על ב׳ הימים של ר״ה (אע״פ שנחשבים ל״יומא אריכתא״[53]), ו״יום השלישי״ קאי על יוהכ״פ, שבו ״יקימנו ונחי׳ לפניו״ (״נצבים .. לפני ה׳ אלקיכם״) — בביהמ״ק השלישי.

ה. ועוד והוא העיקר — שכל זה יקויים בפועל בסמיכות להתחלת יוהכ״פ דשנה זו,

— בהתאם להרמז בסימנה של השנה, ״הי׳ תהא שנת נפלאות בכל״, ״בכל מכל כל״ — בגימטריא ״קבץ״[54], שמזה מובן שכבר בראש השנה היתה כבר הכתיבה והחתימה בנוגע להענין ד״תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גלויותינו וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ לארצנו״ —

ובמילא נעשה ההמשך דכל השנה כולה באופן ד״נפלאות בה״, ״נפלאות בכל״, ״בכל מכל כל״, שנה טובה ומבורכת בכל הענינים, ולכל לראש — שנת הגאולה האמיתית והשלימה,

תיכף ומיד ממש.

---

44) מלכים־א כב, מח. וראה אוה״ת נצבים ס״ע א׳רא ואילך.

45) ראה גיטין סב, סע״א. זח״ג רנג, ב.

46) ראה לקו״ת ראה יח, סע״ד. ובכ״מ.

47) ע״ד הפירוש במ״ש בהפטרה דשבת שובה (שמיני׳ מתברכין כולהו יומין) ״שובה ישראל עד הוי׳ אלקיך״, שהוי׳ נעשה אלקיך, כחך וחיותך (ראה לקו״ת דרושי ש״ש סד, ב ואילך. ובכ״מ).

48) כולל גם ״רעך ורע אביך אל תעזוב, זה הקב״ה״ (שמו״ר רפכ״ז. ועוד).

49) קדושים יט, יח.

50) בא יו״ד, ט.

51) לקו״ת דרושי ר״ה סג, סע״ב.

52) הושע ו, ב.

53) שו״ע אדה״ז או״ח סת״ר ס״ג. ועוד.

54) ראה חי׳ חת״ס לב״ב טז, סע״ב ואילך.

**בלתי מוגה**

מוקדש לחיזוק ההתקשרות לנשיא דורנו

## כ"ק אדמו"ר

זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע

LUBAVITCH MESIVTA CHICAGO

ליובאוויטש מתיבתא שיקאגא

שבעים שנה